פאַרלאַנג צו לייענען וועגן אַלץ, וואָס דערשיינט אויף יידיש. דורך דעם האַלט אונטער דער מאַסן-מענטש זיין קאָנטאַקט מיט אַלע שעפערישע עלע-מענטן אין יידיש.

און דאָס אַלץ געדענקענדיק, טרעטן מיר צו צו דער באַנייטער „ביכערוועלט“.

„ביכערוועלט“ וועט זיך באַמיען צו געבן אויסשעפנדיקע אינ-פאָרמאַציע וועגן אַלץ, וואָס דערשיינט אויף יידיש. זי וועט אונטערשטרייכן און אַקצענטירן — דאָס וויכטיקסטע, דאָס ווערטפולסטע. זי וועט אויסשיילן די טענדענצן און אידעען פון יעדן מין שאַפונג און זייערע מחברים. און זי וועט באַקעמפן אַלץ וואָס שאַדט דער אַנטוויקלונג פון אונזער מאַסן-קולטור, אַלץ וואָס איז געגן אירע אינטערעסן און אידעאַלן.

די „ביכערוועלט“ וועט אַריינפירן דעם לעזער אין קרייז פון די פּראָבלעמען, וואָס ווערן דערוועקט אין דער ליטעראַטור—דער יידישער און נישט יידישער. זי וועט זיי שאַצן און אויפקלערן, איינע פון זיי שטיצן, די אַנדערע אָפּוואַרפן. דער אויסגאַנג-פונקט: צוזאַמענשלוס פון אונזער מאָדערנער מאַסן-קולטור מיט די אוניווערסאַלע וועגן און שטרעבונגען פון דער קעמפנדיקער מענטשהייט.

„ביכערוועלט“ וועט זיין אַ טריבונע פאַר די, וואָס האָבן באמת וואָס צו זאָגן וועגן דערשיינענדיקע ווערק. דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט טאָר נישט בלייבן קיין ענין פון צעקראָכענע מהיכא-תיתאניקעס און אויף-מיר-קריטיקער.

און פונקט ווי עס דאַרף געזאָרגט ווערן וועגן דער נשמה פון יידישן בוך, אַזוי אויך מוז מען היטן זיין גוף: ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין ביי-געוודיקע הענט פון גיריקע „גיצניעס“, וואָס האָבן אין זינען ראשית כל זיי-ערע אייגענע אַפּעטיטן.

דאָס יידישע בוך פאָדערט ערנסטע באַהאַנדלונג און אויפריכטיקע באַ-ציונג! דער יידישער שריפטשטעלער נויטיקט זיך אין אַ וואַרעמער אינטי-מער אַטמאָספערע, וואו מען וועט אים באַהאַנדלען אָן פניות, מיט דער גאַנ-צער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, חבריש.

מיר האָפן — די „ביכערוועלט“ וועט ווערן אַזאַ טריבונע.

רעדאַקציע



מאַקס עריק /

# אויף די שפּורן פון מנחם-מענדלען

/ פון אַ גרעסערער אַרבעט /

## 1

די געשיכטע פון דעם מנחם-מענדל-ווערק ציט זיך אויף אַ שטח פון 21 יאָר: 1892 פאַרעפנטלעכט שלום-עליכם אין זיין זאַמלהעפט „קול מבשר“ די ערשטע סעריע „לאָנדאָן (אַ ראָמאַן פון דער אָדעסער קליינע בערזע) פערפאַסט פון שלום-עליכם“, — 1913 דרוקט שלום-עליכם אין דעם וואַרשעווער „היינט“ — „בריוועך פון מנחם-מענדל צו שיינע-שיינדל זיין ווייב“. ס'איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס שלום-עליכם באַגעגנט זיך מיט זיין באַרימטעסטער געשטאַלט. מנחם-מענדל האָט אַלזאָ באַגלייט שלום-עליכמען כמעט אויפן גאַנצן שטח פון זיין ליטעראַרישן שליאַך. ענלעך פאַרבונדן מיט שלום-עליכמען איז טביה, צו וועלכן דער מחבר קומט צוריק כסדר, אָנהייבנדיק פון 1894 ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

די איינצלנע עטאַפּן פון דעם מנחם-מענדל-ווערק זענען:

1892 — אין „קול מבשר“ — „לאָנדאָן“.
1894 — בוך-אויסגאַבע — „יקנה״ז“.
1896 — ספּעקטאָרס „הויזפריינט“ — „פּאַפּירלעך“.
1899 — 1900 — „יוד“ — „מיליאָנען“.
1900 — „יוד“ — „וואָס טוט מען״ז „בחזון“, „עס פידלט נישט“.
1901 — „יוד“ — „שלים-שלים-מזל“, „דרייפוס דער צווייטער“.
1903 — „פריינד“ — „די נייע פרנסה“ (אַ בכבודע פרנסה), „אַדיע“.
1904 — „פריינד“ № 1 — „אַ געבענטשט לאַנד“.
1905 — „די אידישע צוקונפט“ — „אַגענטן“.
1913 — „היינט“ -- „בריוולעך פון מנחם-מענדל צו שיינע-שיינדל זיין ווייב“.

נאָך 1904 באַמערקט זיך אַ הפסקה אין דער מנחם-מענדל-טימבאַליזירונג. דאָס, וואָס איז אונז היינט באַקאַנט פון דעם ווערק — דער סטערעאָטיפער „מנחם-מענדל“ — איז פאַרענדיקט געוואָרן אין יאָר 1903. שוין אין נום. 220 אין דעם „פריינד“, 1903, באַווייזט זיך אַ בריוול פון מנחם-מענדלען צו שלום-עליכמען „אַדיע“, מיטן כאַראַקטעריסטישן אונטערטיטל: „דער לעצטער בריוו פון מנחם-מענדלען“. מנחם-מענדל געזעגנט זיך מיט שלום-עליכמען, קלאָגט, אַז פון אַלע זיינע פרנסות האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך, און איז אים מודיע, אַז ער פאָרט אָפּ אין אַ „געבענטשט לאַנד“, אין אַמעריקע. און דאָך איז עס נישט דער לעצטער בריוו פון מנחם-מענדלען: אין נר. 1 פון דעם „פריינד“ פון יאָר 1904 באַווייזט זיך אַ בריוו פון מנחם-מענדלען צו ש״ע: „אַ געבענטשט לאַנד“, וואו מנחם



ביכער וועלט, נומער 1, וואַרשע, דעם 1טן אַפּריל 1928

מענדל באַשרייבט זיינע ערשטע שריט אין אַמעריקע. ס'האָט געזאָלט זיין דער אָנהויב פון אַ נייער סעריע. שלום-עליכם האָט אַלזאָ געוואָגט צו באַשרייבן אַ סביבה, וואָס איז אים דאַן, 1904, געווען נאָך לחלוטין נישט באַקאַנט (שלום-עליכם איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין אַמעריקע אין אָקטאָבער 1906). ער האָט אָבער באַלד רעזיגנירט פון דעם פּלאַן פון אַן אַמעריקאַנער סעריע פון מנחם-מענדל, און מער פון דעם איין בריוו איז נישט דערשינען.

ס'איז אַלזאָ קלאָר, אַז צום סוף יאָר 1903 איז שוין שלום-עליכם מיד פון זיין טומלדיקן העלד. ער איז איצט פאַרכאַפּט פון זיינע צוויי אַנדערע געשטאַלטן: טביה, און זייט 1907 — מאָטל דעם חזנס. דער פּלאַן פון אַ הומאָריסטישער שילדערונג פון דעם יידיש-אַמעריקאַנער לעבנסשטייגער וועט רעאַליזירט ווערן ערשט אין דעם צווייטן טייל פון „מאָטל דעם חזנס".

איז דען צום יאָר 1904 שוין געווען אויסגעשעפּט דער מנחם-מענדל-שטאָף? ער האָט נישט געקאָנט אויסגעשעפּט ווערן, אויף וויפל זיין פעלד און אינהאַלט איז דאָס גאַנצע קליינבירגערלעכע יידישע לעבן. אָבער זיין טעכניק, זיינע מעטאָדן, זיין פאָרם זענען שוין געווען ענדגילטיק פעסטגעשטעלט, גוט-באַקאַנט און כמעט פאַרגליווערט אין שאַבלאָן. טביה און מאָטל דעם חזנס האָבן געלאָקט מיט נייע מעגלעכקייטן, נישט נאָר שטאָפלעכע, נאָר אויך טעכניש-קינסטלערישע. די שטרעבונג ניצול צו ווערן פון דער מאָנאָטאָניע פון דעם מנחם-מענדל-פורעם ווערט קאָנטיק שוין אין די לעצטע סעריעס „וואָס טוט מען", „בהפזון", „עס פידלט נישט", „שלים-שלים-מזל", וואָס זענען געשריבן פון מנחם-מענדלען דירעקט צו שלום-עליכמען. ס'ווערט אויף אַזאַ מין אופן אויסגעמיטן דער שאַבלאָן פון שיינע-שיינדלס בריוו. ווארום, אויב אין ממ"ס בריוו בייטן זיך מיט זיינע פרנסות דער טיפּ, די סביבה, זענען דאָך שיינע-שיינדלס בריוו בלויז גלייכמעסיקע, כסדר די זעלביקע אָפּקלאַנגען פון זיינע מעשים אין דער שטייענדיקער בלאָטע פון כתריליעווקע. אין שיינע-שיינדלס בריוו איז גיכער צום אויסדרוק געקומען די דריקנדיקע מאָנאָטאָניע פון דעם שטאָף-געוואָרענעם מנחם-מענדל-פורעם.

אַזוי איז שלום-עליכם ערשט 1913 צוריקגעקומען צו מנחם-מענדלען, צו אַ נייעם קאַמף, — אַ קאַמף, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ מפּלה.

## 2

אָבער „מנחם-מענדל" האָט אויך אַ פאָרגעשיכטע, וואָס פירט צוריק שוין אין די ערשטע יאָרן פון שלום-עליכמס שאַפן. דער ערשטער פּעריאָד פון שלום-עליכמס ליטעראַרישער טעטיקייט — פון די „צוויי שטיינער" (אין דעם „יידישן פאָלקס-בלאַט", 1883) ביז „סטעמפּעניו" (1888) איז אין אַלגעמיין באַקאַנט. מיר ווייסן, אַז צו יידיש האָט שלום-עליכמען געטריבן זיין געוואַלטיקער שאַפונגסדורשט; אין העברעיש און רוסיש — אין די שפּראַכן האָט צוערשט ש"ע געשריבן — נישט ער האָט זיך געקאָנט אויסלעבן. און אויפווייזן כאָטש אַ פונק פון אָריגינאַליטעט, נישט ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט געדרוקט צו ווערן. ש"ע איז קודם-כל די אויפגעוואַגלטע כוואַליע פון יידישן כח-הדיבור, — וואָס פאַראַ טעם האָט עס גע-





האָט אין דעם מיושבדיקן העברעיש און פרעמדן רוסיש? און נאָך איין זאַך האָט באַדאַרפט האָבן דער יונגער און רויער שלום-עליכם: אַ געדולדיקן רעדאַקטאָר, וויניק פּרעטענציעזע לייענער — מיט איין וואָרט, בערד אויף צו לערנען זיך שערן. דאָס האָט געגעבן דער דעמאָלטיקער פּרימיטיוו-בטלנישער שטייגער פון דער יידישער פּרעסע און דער אומגעהויער נידעריקער ניוואָ פון דעם יידישן לייענער. די שפּאַלטן פון דעם פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט" זענען ברייט געעפנט געוואָרן פאַר יונגן, סימפּאַטיש פּלאַפּלענדיקן שרייבער, און שלום-עליכם צעלאָזט זיך מיט כלערליי שאַפונגען: ער שרייבט לידער, דערציילונגען, פעליעטאָנען און אַפילו די כמו-וויסנשאַפטלעכע חקירה „צי דאַרף מען וויקלען קינדער"? ווייטער איז ש"ע באַהערשט פון דער חיבת-ציון-שטימונג, וואָס קומט אויף מיט די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן, און זיינע פעליעטאָנען און לידער זענען אַ נאַיווער און אָפט נישט קלוגער געקעכץ פון סענטימענטאַליזם, משכילישקייט און חיבת-ציון. ממילא איז אויך זיין קוק אויף דער אייגענער ליטעראַרישער שליחות אַ סענטימענטאַלער און אַ צעקוואָכענער. אין יאָר 1884 פאַרזיכערט ער דעם לייענער מיט אַ סך באַגייסטערונג, אַז ער איז געקומען קלאָגן, און אַפילו ווען ער לאַכט, „קאַפּען טרערן". און אין דעם פעליעטאָן נר. 44 פון דעם „פאָלקסבלאַט" אַנטוויקלט ש"ע דעם געדאַנק גאָר ברייט: „...גענוג שוין צו וויינען! איך וועל זיך בעסער פּרוּוון לאַכן, און לאַכן לאַנגזאַם, הילכיק, שרעקלעך (י. ע.) — נאָר ניין: אויף לאַכן בין איך קיינמאָל נישט אויפגעלייגט; איך דאַרף נאָר וויינען, אימער קלאָגן זיך און תמיד זאָרגן, זאָרגן... זייט איך שרייב פאַר מיינע ברידער (שוין באַלד 2 יאָר) האָבן נאָך די לעזער פון מיר קיין פריילעכע מינע נישט געזען, און אַפילו דאָרט, וואו איך פאַרקאַטשע זיך אויף ליצנות, ענדיק איך אויך מיט אַ געוויין"... דער יונגער שלום-עליכם (ער איז דאַן אַלט קוים 24-25 יאָר) האָט נאָך ליב זיך צו אידעאַליזירן אין אַ ריכטונג, וואָס איז פּונקט קאַפּויר זיינע אמתע נייגונגען און אייגנשאַפטן. אין די „צוויי שטיינער" דערציילט ער פון דעם העלד שלמה ראַבאָווסקי (אַ דורכזיכטיקער פּסעוודאָנים פאַר שלום ראַבינאָוויטש), אַז ער „האָט געהאַט אַ באַזונדערע פעיקייט יעדן זיך צו מאַכן אונטערטעניק". אויך איצט פאַרזיכערט ער אונז, אַז זיין געלעכטער איז „לאַנגזאַם, הילכיק און שרעקלעך". אין די פעליעטאָנען „בריוו צו ש"ע פון באַראָן פּיפּערנאָטער" קוקט ער ווידער אויף זיך, ווי אויף „אַ סאַטירישן שרייבער". דער אמת איז, אַז ביז צום יאָר 1885 גיט נישט ש"ע קיין איין אויסגעשפּראָכן-הומאָריסטישע זאַך. פאַר די יאָרן 1883-84 באַקומען מיר בלויז צוויי באַאָבאַכטונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונזער טעמע, צו די שפּורן פון „מנחם-מענדלען": 1. שוין אין די ערשטע יאָרן פון ש"ע'ס שאַפן איז דער בריוו זיינס אַ באַליבט ליטעראַריש פורעם. 2. דער יינגער ש"ע עקספּלואַטירט גערן פאַר זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען ביאָגראַפישן שטאָף („צוויי שטיינער", „וויבאָרעס").

די ליטעראַרישע פאָרגעשיכטע פון מנחם-מענדלען הויבט זיך אָן מיטן יאָר 1885. אין דעם יאָר באַווייזט זיך דאָס ערשטע ווערק פון דעם הומאָריסט שלום-עליכם: „קאַנטאָר-געשעפט, אַ דראַמע אין 2 מליצה-בריוו, 18 האַנדלסבריוולעך און 20 דעפּעשן". געדרוקט אין דעם „יידישן פאָלקסבלאַט", נר.

47-50. דער אינהאַלט איז אַן ערך אַזאַ: שמעון ברען איז אין אַ משכּילישן מליצה-בריוו מודיע זיין יוגנט-חבר ראובן שנעל וועגן דעם גרויסן פאַרמעגן, וואָס עס האָט באַקומען בירושה. ראובן ברען, אַ פּליט און אַ שווינדלער, פאַרדרייט גלייך ווי ברען'ס אַגענט, אַ גרויסער ראָד פון געשעפטן, וואָס ווערט געפירט אומגעלומפּערט, אָן אַ האַנט און אָן אַ פוס און ברענגט צום באַנקראָט פון שמעון ברען. די „דראַמע אין בריוו" עפענען צוויי פּראַכטפולע בריוו פון ביידע משכּילים, אַ גלאַנצשטיק פון הומאָריסטישן אויסלאַכן משכּיליש-בעל-הביתישע מליצה. אויסגעצייכנט זענען אויך די בריוו פון די קאָנקורירנדיקע פּראָצענטניקעס „יצקאָב שטערנהאָרן" און „פרידל פעמפּיק", ענדלעך פון די קאָמיסיאָנערן אין קיניגסבערג „פייפערמאַן, גענזנשמאַלץ, פּעקלזאָן".

ווידעראַמאָל באַנוצט אַלזאָ שלום-עליכם דעם בריוו-נוסח. און נאָך איין זאַך איז אויפפאַלנדיק: אין די יאָרן 1885-1890 פירט שלום-עליכם גרויסע געשעפטן אין קיעוו; 1885 איז זיין שווער לאָיעוו געשטאָרבן, און ש"ע ווערט דער אַפּיטראָפּוס איבער זיין ירושה. אין אָקטאָבער 1890 האָט ש"ע באַנקראָטירט. שוין אין יאָר 1885 האָט בכן ש"ע אין דער געשטאַלט פון שמעון ברען געשילדערט הומאָריסטיש אַ בילד פון דער אייגענער צוקונפט.

די טעמע פון דעם „קאַנטאָר-געשעפט" איז אַן אויסגעשפּראָכן מנחם-מענדלשע: אַ גרויסע ראָד פון געשעפטן, וואָס דרייט זיך און פאַרדרייט זיך אָן אַ טאָלק, און אַרום—דער פאַרביטערטער קאַמף פון פאַרשידענע געשעפטס-שאַקאַלן, די קליינע רויב-חיות שטערנהאָרן, פעמפּיק, פייפערמאַן, גענזנשמאַלץ. אַלץ איז שוין גרייט צום מנחם-מענדל-ווערק, אַלץ אַחוץ אים, מנחם-מענדלען גופא. וויכטיקער איז, אַז דאָ באַווייזט זיך צום ערשטן מאָל שיינע שיינדל פון כּתריִלעווקע, אין דער געשטאַלט פון אסתּר ליפּשה, די פרוי פון דעם עקספּעדיטאָר לוי שפּיגלבאַנק. איר בריוו — דאָס איז דער נוסח פון די שפּעטערדיקע בריוו פון שיינע-שיינדלען, אָט זענען אויסצוגן פון איר שוין צו לאַנגן בריוו:

„ראשית באתי להודיעך, קום איך דיר לאָזן וויסן זיין, אַז איך בין ב"ה בקו החו"הש (החיים והשלום), אין בעסטן געזונט, גיבע גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערן נישט ערגער — אָמן סלה! והשנית פרעג איך דיך, בעלי היקר, אַ מיתה משונה זאָל קומען אויף דיין קאָפּ, רבונו של עולם! עס זאָל דיין טאַטן אַרויסוואַרפן און דיך אַריינוואַרפן אין איין קויל פייער כּהרף עין, אַז עס זאָל דיך אויסקייקלען, טאַטע האַרציקער, פון איין עק צום אַנדערן עק, און עס זאָל דיך אָנכאַפּן אַ שטעכעניש און אַ ברעכעניש אין אַלע דיינע אברים, געטרייער גאָט...

(נאָך קללות. מ. ע.).

...„אַ ווערטעלע אויסצורעדן — 166 קערבלעך דירה-געלד, אַ חוץ האָלץ און וואַסער, אַ חוץ אַ דינסט, אַ חוץ אַ שוך, אַ קלייד, היינט וואו איז עפּעס אין מאַרק יעדן גוטן טאָג צוויי אָדער דריי... וואָסערע דריי? אייערנעכטן איז ביי מיר אַוועקגעגאַנגען אין מאַרק, איך זאָל אַזוי זיין געזונט און שטאַרק מיט אַלע מיינע ליבע, רב"שע, ווי אַכט מיט אַ האַלבן קערבעלע...





...עס גייט אַזאַ יום-טוב; וואָס איך וויים? איך זאָג דיר דעם אמת!... און ער כאַליעט דאָרט ערגעץ און לעבט זיך גאַנץ בערוט*)... וואָס אַרט דאָס אים, אַז דאָ וויב מיט די קינדער ווערן געשיזאָלן ווי אַ בּאַרג פאַר הונגער, געשוואָלן זאָלסטו ווערן און מען זאָל דיך אויפטראָגן ביז דער סטעליע, זיסער גאָט, איך זאָל פון דיר פּטור ווערן...

...דרום וואַרט איך און וואַרט, איך מיין טאָמער, טאָמער... צום סוף נאַ דיר, שלים-שלים-מזל אין אַלע ווינקעלעך צום שוואַרצן יאָר, וואָרען אַז מע וויל שמועסן צוריק, וואָס בין איך דאָ ערגער פון רויזע טויבע די גראָבע? באַשר איר טאַטע האָט געהאַט אַ פעטערס אַ שוועסטערקינדס גליד שוועסטערקינדס אַ פּלימעניק אַ משומד? און מיין טאַטע ז"ל איז אויך (!) געווען אַ ייד פון תורה און פון חכמה!... פריטעה ווערט זי (רייזי טויבע די גראָבע) שיך-שיך נישט צו-זעצט פאַר גרויס פאַרגעניגן און די קלענערע טאָכטער טראָגט די אייגענע האָר און איך צי זיך אויס אין גאַס פאַר אַ קערבל...

...עיקר שכחתי: צו גאָט גיט אַ שטיקעלע הצלחה, ווייסט מען נישט פון וואַנען דאָס גליק נעמט זיך. הער אַ מעשה, ווי עס פאַרלויפט זיך אַ זאַך אויף דער וועלט: דיין פּלימעניק, ראובן לייב אַהרנס, ראובן שנעל, האָט זיך אויפגעשטעלט דאָס מזל, דהיינו ווי אַזוי אַז ער איז היינט גאָר באַגליקט געוואָרן"...

פאַראַן אַלזאָ אין אסתּר-ליפּשה'ן אַ היפּש-ביסל שטריכן, וואָס וועלן שפּעטער אַריבערוואַנדערן אין דעם גוט באַקאַנטן פּאָרטרעט פון שיינע-שיינדל פון כּתריִלעווקע. אין אסתּר-ליפּשה'ס בריוו ווימלט מיט קללות דעם מאַן — זיי קומען פאָר שוין אין דער ערשטער סעריע בריוו „לאָנדאָן", מער נישט שיינע שיינדל איז מער איינגעהאַלטן, בשעת אסתּר-ליפּשה איז אין דעם פאַך אַן אמתער ווירטואָז, אָן אַ פאַרגלייך וואולגאַרער פון שיינע-שיינדלען. ביי דער לעצטער רייסן זיי זיך אַרויס פון אַ פאַרביטערט האַרץ, אויפן פאָן פון צרות און נויט, בעת ביי אסתּר-ליפּשה'ן גיט שלום-עליכם צו פאַרשטיין, אַז ס'שטאַמט שוין גיכער פון אַ פוסטן און אַ זאַטן לעבן. ס'איז שווער „געשוואָלן צו ווערן ווי אַ באַרג פאַר הונגער", אויב ס'גייט אַוועק יעדן טאָג אין מאַרק 2-3 רובל... אסתּר-ליפּשה איז אַ רייכע פרוי אין פאַרגלייך מיט שיינע-שיינדלען. דאָ געפינען מיר אויך דעם פּראַכטפולן עפּעקט פון אַ מיסטעריעזער „בלומע-זלאַטע", דער אייביקער קאָנקורענטקע פון שיינע-שיינדלען, דער אייביקער שטאָף פאַר פאַרגלייכן, קנאה, ווייבערשע שנאת-חנם. בלומע-זלאַטע הייסט ביי אסתּר-ליפּשה'ן „רויזע טויבע די גראָבע". אויך דער „עיקר שכחתי" איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די שפּעטערדיקע בריוו פון שיינע-שיינדלען.

אַ שפּור פון מנחם-מענדלען באַווייזט זיך צום ערשטן מאָל אין דער „פאָלקס-בלאַט", 1887, נר. 15 — „אַ פאַרוואַלגערט בריוול פון די איבערגעכאַפּטע בריוו",

*) אין „לאָנדאָן" לייענען מיר אין שיינע-שיינדלס בריוו (נר. 10): „ביז וואַנעט איז דער שיעור צו כאַליען דאָרטן"...

אונטערגעשריבן „פון מיר אייער מנחם-מענדל. — ריכטיק. שלום-עליכם". מנחם-מענדל קומט דאָ פאָר ווי אַ לעזער פון דעם „פאָלקסבלאט" און אַ שטיקל מחבר:

פון מיר מנחם-מענדל,
וואָס פאַרנעמט זיך מיט האַנדיל,
אייער אַבאָנענט
און שטענדיקער קאָרעספּאָנדענט,
דער ראָמאַן-שרייבער,
צום מיינסטן פאַר ווייבער,
און אַמאָל אַ פעליעטאָן,
ווען ס'קומט אים אָן,
ער האָט אַ שלאַק אַ שווינער,
און איז פאָרט אַ היג"ר...

3

שוין אין דער ערשטער סעריע („לאָנדאָן") איז די מנחם-מענדל-טעכניק פאַרטיק. געניג צו פאַרגלייכן דעם נוסח פון דעם „קול מבשר" מיטן סטערעאָטיפּ פון דער אַזוי גערופענער צווייטער אויפלאַגע (1910). די דיפערענצן אין די צוויי נוסחאות זענען נישט ממשותדיק. אַזוי צ. ב. האָט שלום-עליכם אין דעם נוסח פון 1910 אַריינגעפירט דעם אויסגעצייכנטן פּאַרעפּיזאָד מיטן קעשעניעווער פעטער מנשה, צו וועלכן מנחם-מענדל קומט אָפּנעמען דעם גדן; ס'איז אַ סטאַרט-עפּיזאָד, וואָס דאַרף ביאָגראַפיש קלאָר מאַכן דעם אָנהויב פון מנחם-מענדלס וואַנדערונגען. אין „לאָנדאָן", אין יאָר 1892, האָט זיך שלום-עליכם נאָך נישט פאָרגעשטעלט אַזאַ לאַנגע רייזע מיט זיין העלד, ממילא איז דער פּאָרעפּיזאָד נישט נויטיק געווען. ווייטער איז דער קול-מבשר-נוסח אַ סך קירצער, דער נוסח פון 1910 ווידער באַריידעוודיקער — ש"ע האָט אויסגעפוצט דעם ערשטן נוסח נאָך די דערפאַרונגען, וואָס האָבן געבראַכט די שפּעטערדיקע סעריעס. אַנדערש געזאָגט: די אַנטוויקלונג פון דעם מנחם-מענדל-ווערק איז די טיפּישע געשיכטע פון ש"ע'ס וויכטיקסטע ווערק: זיי וויקלען זיך פאַנאַנדער פּילאַרטיק, איין סעריע שלעפּט די אַנדערע, איין אייגפאַל יאָגט דעם אַנדערן—שלום-עליכם אַנטוויקלט זיינע ווערק אין דער לענג און אין דער ברייט, קיינמאָל נישט אין דער טיף. ס'איז אַ פּאָעטישע טעכניק, וואָס איז דער היפּוך פון פּרץ'ס שטייגער אײנם אויסאַרבעטן און אויסבויען זיינע ווערק: פּרץ גייט אין דער טיף, און דער „דריטער דימענסיע", האַקט אין דעם פּאַרטיקן גולם-ליים, — בעת שלום-עליכם שלעפּט נאָך ליים, נאָך ציגל, און אַזוי וואַקסט אויס אַ גאַנצער בנין... וואָס האָט אָבער דערווייל, שטויגענדיק גיך, באַוויזן אַראָפּזינקען אויך אין דער טיף, כאַפּן פּערספּעקטיוו, סימבאָלישע בלויקייט. אַזוי ווערט קלאָר דער וויכטיקסטער געזעץ פון שלום-עליכמס ווירקונג: ש"ע ווירקט מיט דער מאַסע, מיטן קוואַנטום, מיטן כמות פון זיין ווערק. דאָס מנחם-מענדל-ווערק איז געוואָרן דאָס, וואָס ס'איז, דערהויפּט צוליב דעם, וואָס דער פילם איז געדרייט געוואָרן ביזן סוף, וואָס אַ סאַך עטאַפּן זענען דורכגעמאַכט





געוואָרן כסדר אונטער דעם זעלביקן ווינקל, מיט דעם זעלביקן מאָנאָטאָנישן אָנהויב און סוף.

דאָס הייסט נישט, אַז שלום-עליכם האָט בלויז ווייטער געפירט דאָס מנחם-מענדל-ווערק, און נישט אומגעקוקט זיך קריטיש אויפן דורכגעגאַנגענעם וועג. מיר האָבן אָקאָרשט דערמאַנט, ווי ש"ע האָט איבערגעאַרבעט „לאָנדאָן". קלאַסיש איז די געשיכטע פון יענער סעריע, וואו מנחם-מענדל ווערט אַ שדכן — „עס פידלט נישט". ס'איז פּידוע דער בעסטער טייל פון דעם מנחם-מענדל-ווערק, סיי צוליבן טייערן אַנעקדאָט מיט די צוויי מיידלעך, וועמען ס'האָבן צונויפגעפּאָרט די שלימזלדיקע שדכנים,*) סיי צוליב דער פּרעכטיקער ליסטע פון חתנים, — קודם-כל אָבער צוליב דער גרויסער קאַרגשאַפט אין וואָרט, וואָס באַווייזט אַזוי פיל אינהאַלט, געשעענישן און טיפן אַריינבּרעסן אין די ד' אמות פון קוים איין דרוקבויגן, מען באַשולדיקט שלום-עליכמען אין באַריידעוודיקייט אין ניין מאָס רייד; אָבער ווען מען האָט באַדאַרפט, האָט ער פאַרשטאַנען קאַרגן מיטן וואָרט, מיט דינינקע שטריכן אַרוממאָלן אַפילו אַן אַנעקדאָט, אַזוי, אַז ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטילן רמז און אָנצוהערעניש. „עס פידלט נישט" פאַרמאָגט דהיינו נאָך אַ „טשוואָק", אחוץ דעם אַנעקדאָט מיט די צוויי מיידלעך: ס'איז דער רמז, אַז די כלה איז „אַ קאַפּעטשקע מעוברת".

אָבער שלום-עליכם האָט זיך גענוג געמאַטערט, ביז ער איז געקומען צו דעם אונז באַקאַנטן שעדעוור. „עס פידלט נישט" (1900) איז געוואַקסן כאַאָטיש, נישט פאַרטראַכט באַלד דעם אָנהויב און דעם סוף. דערפאַר באַשטייט דער ערשטער וואַריאַנט פון „עס פידלט נישט" פון צוויי אומאָפּהענגיקע טיילן:

I. אין „וואָס טוט מען" ראַט שלום-עליכם מנחם-מענדלען זיך נעמען צו שדכנות. מנחם-מענדל איז מסכים, דערווייל אָבער קומט ער אויף פּסח אַהיים. נאָך יום-טוב רייסט ער זיך אַרויס, בכדי זיך נעמען צו זיין נייער פּרנסה. אין באַן באַגעגנט ער ר' אָשר דעם שדכן — די וויכטיקסטע שטריכן פון דעם ליגנערישן און באַרימערישן שותּף מנחם-מענדלס זענען שוין דאָ, מערניסט צעשמירט, צעקראָכן. זיי פירן צענויף צוויי מיידלעך, און פאָרן אוועק מיט בזיווגות. די טצענע, וואו ר' אָשר דערוויסט זיך, אַז אויך מנחם-מענדל האָט אַ מיידל, איז שוין אַריבער אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס כמעט אָן שנויים, זי איז אַלזאָ שוין דאָ פאַראַן אין איר קלאַסישער געשטאַלט. ס'פעלט נאָך דאַקעגן די פּרעכטיקע געשטאַלט פון דער מגושמדיקער כלה אין דעם משונהדיקן קאַפּאָט.

II. מנחם-מענדל געפינט אין זיין אַכסניא דאָס פּעקל כתבים, וואָס אַ שדכן האָט איבערגעלאָזן, מיט יענע הומאָרפולע כאַראַקטעריסטיקעס (כאָטש אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס זענען זיי אַ סך בעסער, נישט אַזוי אײנטאָניק). ער פּיו"ט אויס אַ שידוך פון פערעלע די דאַמע מיט אַן אַפּעריסט, וואָס האָט שוין דערצו אַ ווייב. — אַ שטאַרק צעצויגענער און צעפלאָסענער עפּיזאָד, משמעות שוין נאָכן ערשטן טייל איז ביי שלום-עליכמען געבוירן געוואָרן

*) ער שטאַמט, ווי באַקאַנט, פון מענדעלעס „פישקע דער קרומער", דאָרט זענען עס צוויי בחורים.

דער טייערער איינפאַל מיט דער ליסטע חתנים, און ס'איז אַזוי אַרום אויסגעוואַקסן דער עפּיזאָד מיט פּערעלע די דאַמע (וואָס פיגורירט, כּידוע, אין „יאָסעלע סאָלאָוויי"). — שפּעטער האָט שלום-עליכם צוזאַמענגעגאָסן ביידע טיילן, שטאַרק זיי געפּיילט און געשליפן, און אַזוי איז אַנטשטאַנען „עס פידלט נישט".

(סוף קומט)

■ ■ ■

## מ. קולבאַק / ה. ד. נאָמבערג

1

ער האָט נישט ליב געהאַט די קלאָרקייט פונם בייטאָג. די אָפענע און ברייטע וועגן, ער האָט נישט ליב געהאַט די פאַרביקייט פון דער וועלט, צירלעכקייט און פּוץ, נאָר ווי יענער העלד פון זיינער אַ דערציילונג „האָט ער צוגענייגט זיין אויער צו דער ערד און געהערט"...

ער האָט געהאַט בלויע, קאַלטע אויגן, און האָט ער זיי אויפגעהויבן, — האָט מען געפילט דעם דינעם טרויער פון אַ נשמה, וואָס זוכט איר אייגענעם יסוד.

און דאָך האָט ער נישט געבלאָנדזשעט.

ער האָט תּמיד געוואוסט וואוהין צו גיין, נאָר עס איז געווען אַ געפּערלעכער פּאַמעלעכער גאַנג פון אַ קינסטלער, וואָס האָט געוואָלט רעדן וועגן די אומקלאָרסטע אַסטראַלע איבערלעבונגען מיט די סאַמע נאַקעטע ווערטער פון דער יידישער שפּראַך; ער איז געווען אַ נאַאיווער, רעליגיעזער מענטש, פון אַלטן רעליגיעזן יחוס, אַ גלויביקער, אַ גאָט-זוכער, וואָס די וועלטלעכע סאָציאַלע אידעאַלן האָבן אים נישט באַפרידיקט; ער האָט ארומגעזוכט דעם גלויבן, וואָס איז אים אַמאָל פאַרלאָרן געגאַנגען צוזאַמען מיט דעם באָדן אונטער די פיס.

און עס איז געווען אַ מאַטערניש אָן אַ אויסוועג.

ווייל ער האָט נישט ליב געהאַט, און ער האָט אויך נישט פאַרמאָגט דעם מאָנומענטאַלן זשעסט פון אַ שטורעמער, וואָס ברעכט אין דער נשמה-צערייסנקייט די קייטן פון דער וועלט. נישט אין שטורעם איז גאָט, נאָר ערגעץ אין דער שווייגעניש, ערגעץ אין דער טיפער שטילקייט, וואָס דריקט זיך נישט אויס אין ווערטער, נאָר פליסט אַריין „צווישן די שורות, אַזוי שטיל, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט שוין לאַנג אויסגעשטאָרבן"...





2

נאָמבערגס פּערזענלעך לעבן איז געווען פאַרשלאָסן פאַר אַ פרעמד אויג. ער האָט בכלל נישט געוואָלט רעדן אָדער שרייבן וועגן זיך. נישט געקענט האָט ער אָבער פאַרשווייגן איין פּעריאָד פון זיין לעבן: אָט יענע טעג פון זיין יוגנט, ווען ער האָט פאַרלאָרן „די הייליקע אמונה פון די עלטערן". מיר טרעפן אים, ווי ער קערט זיך אייניקע מאָל אום צו דעם זעלביקן ענין, און שטענדיק פילט מען אַן אומהיימלעכן טרויער און עפּעס אַ שרעק אין אָט די ווידוים זיינע. ווייזט אויס, אַז שוין צו שטאַרקע „קענטיקע שפּורן" האָט אָט די יוגנט-קאַטאַסטראָפע איבערגעלאָזן אויף זיין גאַנץ לעבן:

„יענער אלול פאַלט אויס גראָד אין דער צייט פון דעם גרויסן רעליגיעזן ברוך, ווען עס דאכט זיך, די ערד וואַקלט זיך אונטער די פיס און דער הימל פאַלט איין איבערן קאָפּ. ס'איז געשען ביי מיר אַזוי מיטאַמאָל, מיט אַזאַ דעצידירטקייט. איינדערפרי האָבן איבער מיר געהאָנגען זיבן הימלען, איך האָב זיך געאַמפּערט, געשטאַרקט, געקלאַמערט זיך מיט די לעצטע כּחות אָן איין רעליגיעזער וועלט-אָנשויאונג. פאַרנאַכט איז שוין געווען נאָך אַלעמען. איך האָב איינגעזען, אַז אומזיסט איז יעדע מי צו דערהאַלטן דעם בנין, וואָס איז שוין אַזוי אויך געשטאַנען אויף שטרויענע פיס. איך האָב פאַרצווייפלט און דער בנין איז איינגעפאַלן, ווי אַ קופּע דורכגעפוילטע בעלקעס. מיין איך איז געבליבן באַגראָבן אונטער די חורבות. דאָס איז יענע קאַטאַסטראָפע פון מענטשן, וואָס זענען דערצויגן אין אַ טיפער אמתער רעליגיעזיטעט, פון וועלכן זעלטן איינער קומט ארויס גאַנץ, אָן קענטיקע שפּורן אויף זיין גאַנץ לעבן. שווער און פּאַמעלעך גייט צו די היילונג, און וואָס טיפער די רעליגיעזיטעט, אַלץ דערשיטערנדיקער די קאַטאַסטראָפע".

און ווען ער האָט זיך געוואָרפן אַ דורשטיקער צו דער ליטעראַטור, האָט ער דערזען, אַז:

„וועגן אַלץ אויף דער וועלט רעדט מען דאָ, אָבער נישט וועגן עיקר, וועגן דער עצם-פראַגע: וואָס טוט מען אויף דער וועלט, וואָס איז אַזוי פּוסט און וויסט? וואָסער זין האָט דאָס לעבן, וואָס איז באַגרענעצט מיט 70 יאָר און ענדיקט זיך מיט טויט און פאַרניכטונג?" (דאָס בוך פעליעטאָנען ז. 172)

און אין אַ צווייט אָרט בעט ווידער נאָמבערג מחילה פאַר „אַ פּערזענלעכער איבערלעבונג, וואָס לוינט אפשר צו דערציילן":

„ס'איז די צייט פון אַ שווערן קריזיס, וואָס יעדער יונגער גייסט מוז אַמאָל דורכלעבן. וואו געפינט מען זיך אין דער וועלט אָן אַ גאָט... וואָס בלייבט איבעריק? און וואָס דאַרף מען טאָן? און וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס לעבן, אין וועלכן עס בלייבן איבעריק נישט מער, ווי די פונקציעס אויף אויפצוהאַלטן דאָס לעבן? אַ בריק איז דאָס לעבן, אַ לאַנגע בריק, און דאָס אויג כאַפּט נישט איר אָנהויב און איר סוף. און די בריק האָט אַן אָנלען. איז זי צעבראָכן געוואָרן — בלייבסטו שטיין, און זעסט אונטער

ליער הערצעלע קיילעס, וואָס מאָלט ווי אַזוי די שכינה איז „מנהמת כיונה“, און אייזיק דער שמיד, אַ אַלטער ייִנגל, און דער פריילעכער קבצן אייזיק שניידער מיט זיינע לידלעך... יאָ, נישט נאָר מען וויינט אינם אַלטפרענקישן שטעטלע, וואו ש. מהלע פאַרברענגט זיינע קינדער־יאָרן, מען זינגט דאָרט אויך לידלעך, אפילו ליבע־לידלעך...

פאַרגעסן אין זיין סאַרקאַזם, און ער ווערט דער דיכטער פון אַ אידיליע. דער שפּאָט פון ביטול ווערט פאַרביטן אויף דעם נוסח פון אַ עפּאָס...

דאָס לעצטע בלאַט אין מענדעלעס שאַפן, זיין שוואַנען־ליד, איז אַ נייַ בלאַט געווען, מיט אַ נייעם נוסח... דאָס באַווייזט ווי ווייט מענדעלע איז טאַקע גערעכט געווען — טאַקע „איין אַלט ייִנגל“ מיט דעם יוגנט־אימפּעט צו בויען און צו שאַפן...

דער היסטאָריקער דובנאָוו האָט אונז אַמאָל דערציילט, ווי אַזוי אין 1913 בעת ער איז אין אָדעס געווען, און דעם אַלטן „זיידן“ באַזוכט, האָט יענער אין אַ געשפּרעך אים דערקלערט מיט אַ שמייכל: „פון הונדערט יאָר וועל איך דעם רבונו של עולם נישט שענקען קיין איין טאָג אַפילו. וואָס מער פון הונדערט — וועלן מיר שוין ווי עס מושה ווערן“. ביז אין טיפן אַלטער, ביז צו דער שקיעה — פול מיט לעבנסקראַפט און מיט שאַפונגס־חשק. אַ שטאַרקער פעסטער בוים, דער ערשטער קרעפטיקער בוים, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אונזער „ליידיקן פאַר־וויסטן גאָרטן“, צו וועלכן מענדעלע האָט די דעמאָלטיקע ליטעראַטור פאַרגליכן. מענדעלע איז אָבער נישט נאָר דער ערשטער קלאַסיקער אין אונזער נייער לי־טעראַטור: ער איז די מאָס, דער טרייער וועג־צייכן, ווי ווייט מיר גייען פאָר־אויס און צי מיר גייען אין ריכטיקן וועג. און נישט נאָר מיר קומען רוען אונ־טער דעם ברייטן שאָטן פון דעם קרעפטיקן בוים, הערן די אַלטע מעשיות, וואָס האָבן פּאַסירט „בימים ההם“ דאָרט „בעמק הבכא“, אין גלופּסק און קאַבצאַנסק, וואו מענדעלע מוכר ספרים איז אַרומגעפאָרן מיט זייןביידל, — נאָר אויך אונ־זערע אייניקלעך, וואָס וועלן וואַנדערן אויף פיל ווייטערע און נייַע וועגן, וועלן דאָך מיט ליבע און דאַנק ווענדן זייערע בליקן צו דעם אַלטן מיט מאָך באַדעקטן און דאָך שטאַרקן און שטאָלצן ריזן־בוים מיט דער אייביק גרינער קרוין.





# מאַקס עריק / אויף די שפּורן פון מנחם־מענדלען

## / פון אַ גרעסערער אַרבעט /

4*)

אין דער קאָמעדיע „יקנה״ז“ (1894) וועט דער פאָרשער געפינען אַ ביסל מאַ־טעריאַל פאַר שלום־עליכמס באַציאונג צום אייגענעם העלד, — צו מנחם־מענדלען פון די ערשטע סעריעס. מנחם־מענדל טרעט אויף אין דער קאָמעדיע בלויז ווי אַן עפּיזאָדישע געשטאַלט. און דאָך איז „יקנה״ז“ וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון אונזער געשטאַלט, דערהויפּט צוליב דעם, וואָס ס׳איז דאָס ערשטע (און דאָס איינ־ציקע) מאָל, ווען מיר זעען מנחם־מענדלען בולט פאַר אונזערע אויגן, ווי אַ סצע־נישע געשטאַלט, אויף די ברעטער פון דער בינע, און נישט אין דער דערציילע־רישער, היפּש פּאַפּירענער קאָנווענץ פון דעם בריוו. אמת, פאַראַן נאָך אַ קאָמעדיע, וואו ס׳פיגורירט מנחם־מענדל, אַפילו ווי אַ הויפּטגעשטאַלט: ס׳איז „אַגענטן“ (1905). אָבער „אַגענטן“ איז בלויז אַן אינסצעניזאַציע פון דער סעריע „שלים־שלים־מזל“, געדרוקט אין „יוד“, 1901, נום. 3—1. „יקנה״ז“ דאַקעגן איז בפירוש אַ טעאַטער־ווערק, לכתחילה פאַרטראַכט ווי אַ קאָמעדיע, און ס׳איז אַ ווערטפולער דאָקומענט פאַר יענער פאָרשטעלונג, וואָס שלום־עליכם האָט געהאַט וועגן מנחם־מענדלען 2 יאָר נאָך דער ערשטער סעריע.

וועגן דער קאָמעדיע „יקנה״ז“ האָט נ. שטיף (בעל־דמיון) געשריבן אין דער „צוקונפט“, יוני 1925, — „שלום־עליכם און די אַלטע רוסישע צענזור“, — אַן אָפּהאַנדלונג, וואָס שטעלט פעסט אויפן סמך פון די אַרכיוון פון דעם קיעווער צענזור־קאָמיטעט, אַז די צענזור האָט נישט געלאָזט איבערדרוקן די קאָמעדיע אין יאָר 1895 צוליב אַ מסירה פון קיעווער בערזע־לייט, וואָס האָבן זיך אַליין דער־קענט אין די סאַטיריש געשילדערטע געשטאַלטן פון דער קאָמעדיע. שטיפס פעסטע השערה, אַז „שלום עליכם האָט דאָ נישט בלויז געמאָלט רעאַלע טיפּן; ער האָט דאָ באַשריבן לעבעדיקע מענטשן פון אַ׳ געוויסער סביבה“, ווערט גלענצנד באַשטעטיקט אין אַ מיטטיילונג אין דער מינסקער „צייטשריפט“, 1926. מען דאַרף צוגעבן, אַז די קאָמעדיע איז געשריבן אונטער אַ שטאַרקער השפּעה פון גאָגאָלס „רעוויזאָר“, און בפרט פילט זיך דאָס אין דעם לעצטן אַקט, וואו ס׳ווערט אויס־גענוצט דער באַקאַנטער עפעקט פון אַ זידל־בריוו, וואָס באַליידיקט די וויכטיקסטע האַנדלענדיקע פאַרשוינען, און גייט אַריבער פון איין לייענער צום צווייטן. פאַראַן דאָ צום סוף אויך אַ „שטומע סצענע“. אַ לייכטערע השפּעה פון דעם „רעוויזאָר“ פילט זיך, אגב, אויך אין דער אויסגעצייכנטער קאָמעדיע „די גאָלדגרעבער“ (1907).

*) קאַפּיטלעך 1—3 זע אין „ביכער־וועלט“ נום. 1.



ביכער וועלט, נומער 2, ווארשע, דעם [illegible]טן מאי 1928

וואָס איז נישט לאַנג פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „צוקונפט" (אָקטאָבער-נאָ-וועמבער 1927 *).

מנחם-מענדל איז אין דער קאָמעדיע, ווי געזאָגט, בלויז אַן עפּיזאָדישע גע-שטאַלט. מען קאָן אויסשטרייכן זיין גאַנצע ראָליע, און די קאָמעדיע וואָלט אַב-סאָליוט נישט געליטן. זיין הילוך איז נישט באַשריבן, — אַ שאָד, מיר וואָלטן גע-וואוסט, ווי שלום-עליכם האָט זיך אים דאַן פאָרגעשטעלט אויסערלעך. ס'איז אַ „יידל", וואָס „שמאָרעט כסדר מיט דער נאָז". נאָך „לאָנדאָן", פאַרנדיק פון אָדעס, האָט ער אין זשמערינקע „אַ שידוך דורכגעשלאָגן, פאַרדינט מיט גאָטס הילף עטלעכע קערבלעך", און ס'גלוסט זיך אים שוין ווידער „שפּעגעלירן". אַזוי-אַרום פאַלט ער אַריין אין דעם יקנה"ז-טומל, און פאַרלירט ביים אַפּעריסט פייפער דאָס ביסל מזומנים. ביי דער געלעגנהייט לייענט ער איבער אין פייפערס קאַנטאָר אַ בריוועלע פון שיינע-שיינדלען. דאָס בריוול איז געהאַלטן אין דעם נוסח, וואָס איז אונדז שוין באַקאַנט פון „לאָנדאָן", און דער גאַנצער צופעליקער אויפטריט פון מנחם-מענדלען אין דער קאָמעדיע לאָזט איבער בלויז דעם איינדרוק, אַז מנחם-מענדל איז נישט בלויז אַ נאַיווער קליין-שטעטלדיקער יונגערמאַן, נאָר סתם אַ טיפּש, אַ לעקישעוואַטע פיגור. שלום-עליכם אונטערשטרייכט נאָך זיין טיפּשות מיט אַ „דאָסיקייט"-אויסדרוק, וואָס שלעפּט זיך נאָך כמעט אין יעדן זאַץ: „מ'קאָן מיך, חס ושלום, דערקענען, אַז כ'בין אַ דאָס... אַ ייד מיין איך"... „איך האָב אַ שטיקל דאָס... אַ שם אויף דער וועלט האָב איך"... „היינט האַנדל איך מיט דאָס... ווי אַזוי הייסט דאָס... מיט יקנה"ז"...

אַ טיפּש, אַ לעקיש — אָט אין אַזעלכע בריליַן האָט שלום עליכם געקוקט אין יאָר 1894 אויף זיין טראַגישסטע געשטאַלט.

5

אָפּיציעל הייסט עס, אַז דאָס מנחם-מענדל-ווערק פאַרמאָגט צוויי הויפּט-העלדן: מנחם-מענדל און שיינע-שיינדל. אין דער אמתן באַגלייט דאָס ווערק נאָך אַ דריטער העלד: די מ אַ מ ע,—שיינע-שיינדלס מאַמע און מנחם-מענדלס שוויגער. זי שפּילט אַ ממשותדיקע ראָליע אין דעם ווערק: איר פּאָזיציע לגבי שיינע-שיינדלען איז די זעלביקע, ווי שיינע-שיינדלס לגבי מנחם מענדלען. זי פאַרסאַמט עס די לעצטע ברעקלעך פון שיינע-שיינדלס לעבנסלוסט און בטחון. פון איר גייט אַרויס דער פאַרביטערסטער שטורעם קעגן מנחם-מענדלס פאַנטאַזיעס. זי רייצט אויף די טאָכטער קעגן דעם מאַן. מערקווירדיק איז, וואָס כאָטש זי ווערט כסדר געגעבן אין פּראָפיל, פון דער זייט, אין אירע ווערטלעך און יענע קורצע, אָפּגעהאַקטע באַמערקונגען, וואָס ווערן ווי אומגעריכט פאַרטראָגן אין שיינע-שיינדלס בריוו, — וואַקסט זי דאָך אויס אין אַ בולטע און קאָנטיקע געשטאַלט, און גיך ווערט זי

*) אגב, פאַרוואָס איז „גאָלדגרעבער", לויט מיין גע מאַק שלום-עליכמס בעסטע קאָמעדיע, ערשט איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן? פאַרוואָס איז זי נישט אַריין אין דער גרויסער אויסגאַבע פון שלום-עליכמס ווערק? פאַרוואָס איז וועגן איר נישטאָ קיין שום שפּור אין דעם „שלום-עליכם בוך"? מ. ע.





פאַרוואַנדלט אין די וויכטיקסטע אַטראַקציע פון שיינע-שיינדלס בריוו. די פּראָפיל-שטעלונג פון דער „מאַמען" דריקט זיך אויס נישט נאָר אין דעם, וואָס זי טרעט קיינמאָל נישט אויף דירעקט, וואָס מיר הערן בלויז פון איר, און זעען זי קיינ-מאָל נישט. אויך אירע ווערטלעך זענען פּראָפיל-ווערטלעך, מיט אַ באַהאַלטענעם מיין, מיט אַ סך צווייטייטיקייטן. ס'איז אין זיי פאַרקערפּערט אַ גאַנצער מעטאָד פון קאַמף, — אַ שטילער, אָבער פאַרביטערטער קאַמף — זי גיט אַ קלאַפּ אומ-גערעכטערהייט, אַלכסונדיק, פון דער זייט, דערפאַר זיכער און מיט אַן אכזריות-דיקער רואיקייט. זי באַווייזט זיך, גיט אַ שטאָך, און גייט זיך באַלד אַוועק ווי גיכער איר מיינט מען, ווי ס'וואָלט זי דער גאַנצער ענין נישט אָנגעגאַנגען.

קוקנדיק אויף איר און אויף שיינע-שיינדלען, הויבן מיר שוין אָן צו פאַר-שטיין סיי שיינע-שיינדלס יחוס, סיי אַ סך שטריכן אין איר באַציאונג צו איר „מענדלען". מיר טראַכטן, אַז דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון בוים. אָבער גלייך ווערן אויך קלאָרער די מענטשלעכע שטריכן אין דער יידענע שיינע-שיינדל, יענע, וואָס זי האָט מיט גרויס מי אַרויסגעראַטעוועט פון אונטער איר מאַמעס רעגירונג. שיינע-שיינדל איז דאָך ענג פאַרבונדן מיטן מאַן און קינדער, איר מאַמע איז אָבער מיט קיינעם נישט פאַרבונדן. די „מאַמע" האָט קיינעם נישט ליב: דער שידוך פון איר צווייטער טאָכטער גייט זיך פונאַנדער, וואָרום אין דעם לעצטן מאָמענט קאָן זי זיך נישט אָפּזאָגן פונם פאַרגעניגן אַריינזאָגן אַ פּאָר ווערטער דעם מחותן. אָט אַזוי אַנטפּלעקט זיך די איינציקע זאַך, וואָס די „מאַמע" האָט ליב. און וואָס האָט צו איר צוגעצויגן שלום-עליכמס אויפמערקזאַמקייט: די ווערטלזאָגערײ. זי פילט אַ תענוג אינם ווערטל — און אינם עפעקט, וועלכן ס'רופט אַרויס איר סאַרקאַסטיש קינסטלערטום.

און דאָ איז אפשר כדאַי צו פאַרצייכענען, אַז אין דער ערשטער סעריע („לאָנדאָן") האָט „די מאַמע" נאָך נישט עקזיסטירט. צום ערשטן מאָל האָט זיך „די מאַמע" באַוויזן אין „יקנה"ז" (1894), און אין שיינע-שיינדלס בריוו, וואָס מנחם-מענדל לייענט ביי פייפערן אין קאַנטאָר, געפינט זיך שוין אַזאַ מין אָפּזאַץ: „אוי, די מאַמע מיינע איז טאַקע אַ חכמה! הערסט דו, טאָכטער מיינע געטרייע, פלעגט זי מיר זאָגן באַלד נאָך דער חתונה, עפּעס געפעלט מיר נישט דאָס מאַנסבן דיינס, דאָס בעשטענדיקע קוצעניו-מוצעניו זיינס מיט דיר, ווי זאָגט מען: זיי מיר נישט צו זיס, איך זאָל דיך נישט איינשלינגען; זיי מיר נישט צו ביטער, איך זאָל דיך נישט אויסשפּייען"... דאָס איז אַלץ. אָבער שוין אין דער נעקסטער סעריע, אין די „פּאַפּירלעך" פון יאָר 1896, האָט שלום עליכם זיך צוגעכאַפּט, ווי צו אַן אָבן טוב, צו אָט דער פּראַכטפולער געשטאַלט, און זי ברייט אויסגעבויט. דאָ האַלט שוין די מאַמע, אַ חוץ ווערטלעך, אפילו אַ גאַנצן מאָנאָלאָג: „אַ מאַן, זאָגט זי, טאָר מען נישט אָפּלאָזן אויף קיין מינוט. דען, — זאָגט זי,— אַז דער טעסער זיצט אויף די שפּענער, זענען די שפּענער—שפּענער... איך האָב, זאָגט זי, פריער געוואוסט, אַז קיין גוטער סוף וועט דערפון נישט אַרויס; אַ געלט-שידוך זאָגט זי, האָט זיך מיר פאַרגלוסט, ווי זאָגט מען: חזיר, האָסט געלט? זיי מיין מחותן! אַ שמאַלצגרוב, זאָגט זי, די שמאַלץ רינט אויס, די גרוב בלייבט איבער. בריוועלעך זאָגט זי — וואָלט איך אים געשריבן? פון קדחת וואָלט איך אים געשריבן. ווער

די פיגורירט שוין
זעלבן בריוו!
[illegible]

ס'פּאַרשטייט נישט אויפֿן וואונק, זאָגט זי, דעם גיט מען מיטן שטעקן. איך וואָלט אים, זאָגט זי, אויף אַ בעזים אַראָפּגעבראַכט אַהיים, אויף אַ קאָטשערע"!

אָבער נאָך אינטערעסאַנטער איז, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ בריוו פֿון מנחם-מענדלען, וואו די מאַמע טרעט אויף דירעקט, נישט אין פּראָפֿיל. ס'איז „בחפֿזון", אַ בריוו געדרוקט אין דעם „יוד" אין יאָר 1900, וואו מנחם-מענדל דערציילט שלום-עליכמען, אַז ער איז אַוועקגעפֿאָרן אַהיים, קיין מאַזעפּעווקע, פּראַווען פּסח; מנחם-מענדל באַשרייבט דאַן דעם קבלת-פּנים אינדערהיים, און גאָר פֿיין איז די באַגעגעניש מיט דער שוויגער:

„מיך דערזען, איז זי ווינציק וואָס נתפּעל געוואָרן, זיך געטאָן איר אַרבעט ווייטער און גערעדט גלייך ווי צו זיך אַליין, געשאָטן ווי פֿון אַ ראָזשעק: „ס'קאָצל קומט, מע זאָל דערמאָנען משיחן... אָט אַזוי איז ער דאָ דער געניידעם... אַז עס גייט נישט אין היזק זוכט זיך עס אָפּ... אַ ציג אַנטלויפֿט, אַ הון ווערט פֿאַרפֿאַלן און אַ מאַן קומט צופֿאָרן... צוריק קומט מען נישט נאָר פֿון יענער וועלט... סע זאָל נישט זיין ערב פּסח, וואָלט איך צעוואָרפֿן דעם אויוון... נישט אומזיסט האָט זיך געכטן די קאַץ געוואַשן און דער הונט האָט אויפֿגעגעסן די קישקעלעך... שיינע-שיינדל טאָכטער, אַנו קום נור אַהער, אָט איז דער תּכשיט דיינער, די גילדענע קרוין פֿונם קאָפּ, דאָס אָרון-קודשל אונזערס, נעם גיס אויס די פּאָמאָיניצע"...

דאָ פֿיגורירט אויך איר מאַן, דער שווער ר' ברוך, אַ מילדער ייִד, וואָס קרעכצט אונטערן יאָך פֿון זיין ווייב.

6.

דאָס לעצטע מאָל האָט זיך שלום-עליכם אומגעקערט צו מנחם-מענדלען אין יאָר 1913. די „בריוועלעך פֿון מנחם-מענדל צו שיינה-שיינדל זיין ווייב, איבערגעגעבן פֿון שלום-עליכם" האָבן זיך געדרוקט אין „היינט" — דאָס ערשטע בריוול אין נר. 86, דאָס לעצטע אין נר. 246. צוזאַמען זענען עס 45 בריוו, אין דעם 17 שיינע-שיינדלס. שיינע-שיינדלס בריוו גייען מיט אַ באַזונדערער נומעראַציע, וואָס איז אָבער אָפּט פֿאַרגרייזט. *)

דער מנחם-מענדל-פֿורעם איז שוין געלעגן צעבראָכן, דער העלד און דער מעטאָד דאַן, 1913, טויט און ענדגילטיק פֿאַרוועלקט. קיין שפּור שוין נישט פֿון אַ סיפּור-המעשׂה, פֿון אַן אינטריגע, פֿון סביבה, א שטייגער-שילדערונג. נייע טיפּן זענען נישט צוגעקומען, דאַקעגן א נאַריש ווערטלען זיך מיט „כאַסקעל קאָטעק", אויף וועלכן ש"ע פֿאַררופֿט זיך כּסדר און עצהט זיך מיט אים „גלאַט אַזוי", סתּם אין דער וועלט אַריין. (ס'איז יחזקאל קאָטיק, דער בעל הזכרונות). נישטאָ קיין טעמע, און זי ווערט אפֿילו נישט געזוכט — סתּם געפּלוידערט, אָן אַ סדר, אָן א צוזאַמענהאַנג. אין דעם ערשטן בריוו דערציילט מנחם-מענדל, אַז ער איז צוריק-געקומען פֿון אַמעריקע, געקומען קיין וואַרשע און איז אַריין אין אַ גרויסע רע-

*) איך וויל אויף דעם אָרט אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק פֿריינט מ. לערערן, וועמען כ'פֿאַרדאַנק דעם רוי-מאַטעריאַל צו דער „היינט"-סעריע פֿון יאָר 1913.





דאַקציע, בעט מען אים שרייבן זיינע באַקאַנטע בריוועלעך פֿון פֿריער: „שרייבט איר אייך איצט פֿון וואָס אייער האַרץ גלוסט: פֿון פּאָליטיקע, פֿון מלחמות, פֿון גזירות, פֿון צרות, פֿון געשעפֿט, פֿון וועלט, פֿון מענטשן, און וואָס איר הערט און וואָס איר זעט און וואָס איר לייענט און וואָס איר ווייסט זאָלט איר אייך שרייבן... הכּלל איר זאָלט אייך, זאָגט ער, גאָרנישט סטיעסניאיען, ווי ביי זיך אין דער היים"... שלום-עליכם „סטיעסניאַיעט" זיך טאַקע נישט, און צעלאָזט זיך אויף וואָס די וועלט שטייט, און זיינע איצטיקע פּלוידערייען דערמאָנען דעם אויסגאַנג-פּונקט פֿון זיין שאַפֿן, די בריוועלעך אין דעם פּעטערבורגער „פֿאָלקס-בלאַט"... ס'רוב זענען דאָס בטלנישע פּאָליטיק-חקירות, עצות צו די באַלקאַן-לייט, חכמת הדיפּלאָמאַטיע. אַ פּאָר שטריכן וועגן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועגן זאַנגווילן, טעריטאָריאַליזם... בלויז עטלעכע עפּיזאָדן בלייבן אין זכרון: אַ טראַגישער פֿאַל, ווי אַ פֿאָטער סמט זיך מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע צוליב וואוין-רעכט (קענטיק, אַ פֿאַקט), אַ סטיליזירטער עמיגראַנטן-בריוו וועגן דער טרויעריקער לאַגע אויפֿן שיף, ענדלעך אַן אַנעקדאָטל מיט אַ פּאָליצמייסטער, וואָס „שענקט" ייִדן אַ פּאָגראָם און הייסט זיך דערנאָך באַצאָלן ק"ן קערבלעך.

דערנאָך איז געקומען דער גרויסער טומל מיטן ביילִיס-פּראָצעס, און פֿאַר מנחם-מענדלס בריוו איז שוין נישט געבליבן קיין פּלאַץ אין „היינט". אין דעם לעצטן בריוו פֿאָרט מנחם-מענדל קיין קיעוו אויפֿן פּראָצעס, בלייבט אָבער, צוליב וואוינרעכט, אין וואַסילקאָוו. אַזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט די דאָזיקע אומגליקלעכע סעריע, און איר געצוואונגענעם סוף האָט אפֿשר דער מחבר אַליין מיט פֿרייד באַגריסט. *)

*) תּיקון-טעות צום אַרטיקל אין דער „ביכער-וועלט", נר. 1: ז. 5, שורה 9: „ווירקלעך קינדער" — דאַרף זיין: ווירקלעך קינדער. ז. 8, שורה 26: „פֿילעראַרטיק" — דאַרף זיין: פֿילמאַרטיק.

י. יאַשונבסקי /

# לוחות און יאָר-ביכער

ווען עס קומט און גייט אַוועק דער נייער, און אויפֿן ביכער-מאַרק ביי אונז (כ'רעד וועגן פּוילן) באַווייזן זיך שט קיין לוחות, טוט עס מיר כּיטענדיק באַנג. געוויינטלעך איז צו דער לוחות-ליטעראַטור פֿאַראַן אַ ביטול-באַציונג. מען האַלט זיי פֿאַר עפּעס אַ נידעריקערן מין ביכער-פּראָדוקציע, וואָס געהערט נישט צו אייגנטלעכער ליטעראַטור און וואָס אין אַ ליטעראַרישן אָרגאַן איז נישט כּדאַי וועגן איר צו רעדן. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז פֿאַלש. לוחות דערפֿילן אַ באַשטימטע קולטורעלע אויפֿגאַבע, מען טאָר זיי נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. און כ'וויל ספּעציעל וועגן זיי דאָ ריידן.